הַטוּמְאָה בֵּין בְּבַיִת וּבֵין כְּנֶגֶד אֲרוּבָּה אויב דִי טוּמְאָה לִיגְט אִין שְׁטוּבּ אוּנְטֶער דֶעם דַאךְ אָדֶער אוּנְטֶער דֶעם פֶענְסְטֶער נָתַן רַגְלוֹ מִלְמַעְלָן אויב אֵיינֶער הָאט גִישְׁטֶעלְט זַיין פוּס אויף דֶעם פֶענְסְטֶער אוּנ הָאט אִיהם פַאר מַאכְט עִירֵב אֶת הַטוּמְאָה הָאט עֶר צוּ מִישְׁט דִי טוּמְאָה אוּנ עֶס אִיז גְלַייךְ וִוי עֶס וָואלְט גִיוֶוען אִין גַאנְצִין בֶּדֶעקְט מִיט דֶעם דַאךְ אוּנ אַלֶץ וָואס אִין שְׁטוּבּ אִיז טָמֵא אוּנ דֶער וָואס הָאט גִילֵייגְט דֶעם פוּס וֶוערְט אויךְ טָמֵא מִקְצָת הַטוּמְאָה בְּבַיִת וּמִקְצָתָהּ כְּנֶגֶד אֲרוּבָּה אַבִּיסוּל פוּן דִי טוּמְאָה לִיגְט אִין שְׁטוּבּ אוּנְטֶער דֶעם דַאךְ אוּנ אַבִּיסוּל לִיגְט גֶעגִין דֶעם פֶענְסְטֶער הַבַּיִת טָמֵא אַלֶץ וָואס לִיגְט אִין שְׁטוּבּ אִיז טָמֵא וּכְנֶגֶד הַטוּמְאָה טָמֵא אוּנ וָואס עֶס לִיגְט אִיבֶּער דִי טוּמְאָה וָואס גֶעגִין פֶענְסְטֶער אִיז אויךְ טָמֵא: ב אֵין בָּאֲרוּבָּה פּוֹתֵחַ טֶפַח אויב דֶער פֶענְסְטֶער וָואס אִין דַאךְ אִיז נִיט בְּרֵייט אַטֶפַּח טוּמְאָה בְּבַיִת אויב אַטוּמְאָה לִיגְט אִין שְׁטוּבּ אוּנְטֶער דֶעם דַאךְ כְּנֶגֶד אֲרוּבָּה טָהוֹר אַלֶץ וָואס לִיגְט אויף דֶער גֶעגִין פֶענְסְטֶער אִיז טָהוֹר טוּמְאָה כְּנֶגֶד אֲרוּבָּה אוּנ אויב דִי טוּמְאָה לִיגְט אויף דִי עֶרְד גֶעגִין פֶענְסְטֶער בְּבַיִת טָהוֹר אַלֶץ וָואס אִין שְׁטוּבּ אִיז טָהוֹר הַטוּמְאָה בְּבַיִת אויב דִי טוּמְאָה לִיגְט אִין שְׁטוּבּ נָתַן רַגְלוֹ מִלְמַעְלָן אויב אֵיינֶער הָאט גִישְׁטֶעלְט זַיין פוּס אויף דֶעם פֶענְסְטֶער טָהוֹר אִיז דֶער מֶענְטְשׁ וָואס גֶעגִין פֶענְסְטֶער טָהוֹר הַטוּמְאָה כְּנֶגֶד אֲרוּבָּה אויב דִי טוּמְאָה אִיז גֶעגִין פֶענְסְטֶער וְנָתַן אֶת רַגְלוֹ מִלְמַעְלָן אויב אֵיינֶער הָאט גִישְׁטֶעלְט דִי פוּס אויף דֶעם פֶענְסְטֶער, רַבִּי מֵאִיר מְטַמֵּא זָאגְט עֶר אִיז טָמֵא וַחֲכָמִים אוֹמְרִים אוּנ דִי חֲכָמִים זָאגִין אִם הַטוּמְאָה קָדְמָה אֶת רַגְלוֹ טָמֵא אויב דִיא טוּמְאָה אִיז גִיוֶוען פְרִיעֶר אֵיידֶער עֶר הָאט גִישְׁטֶעלְט דִי פוּס, דֶער נָאךְ אַז עֶר שְׁטֶעלְט דִי פוּס וֶוערְט עֶר טָמֵא וְאִם רַגְלוֹ קָדְמָה אֶת הַטוּמְאָה טָהוֹר אוּנ אויב עֶר הָאט גִישְׁטֶעלְט דִי פוּס אֵיידֶער דִי טוּמְאָה אִיז גִיקוּמֶען אִיז עֶר טָהוֹר, רַבִּי שִׁמְעוֹן זָאגְט שְׁתֵּי רַגְלַיִם זוֹ עַל גַּב זוֹ צְווֵיי פִיס פוּן צְווֵיי מֶענְטְשִׁין, אֵיינֶער הָאט גִישְׁטֶעלְט אַפוּס אויף דֶעם פֶענְסְטֶער, דֶער נָאךְ הָאט אֵיין אַנְדֶערֶער גִישְׁטֶעלְט זַיין פוּס אויף דֶעם עֶרְשְׁטִינְס פוּס שֶׁקָּדְמוּ אֶת הַטוּמְאָה אוּנ דִי בֵּיידֶע פִיס זֶענֶען גִישְׁטֶעלְט גִיוָוארִין אויף דֶעם פֶענְסְטֶער אֵיידֶער דִי טוּמְאָה אִיז גִיקוּמֶען, דֶער נָאךְ וִוי דִי טוּמְאָה אִיז גִיקוּמֶען מָשַׁךְ הָרִאשׁוֹן אֶת רַגְלוֹ הָאט דֶער עֶרְשְׁטֶער אָפּ גִיצוֹיגִין זַיין פוּס וְנִמְצֵאת רַגְלוֹ שֶׁל שֵׁנִי שָׁם אִיז דָארְט גֶעבְּלִיבֶּען נָאר דֶעם אַנְדֶערִינְס פוּס טָהוֹר אִיז דֶער אַנְדֶערֶר טָהוֹר מִפְּנֵי שֶׁקָּדְמָה רַגְלוֹ שֶׁל רִאשׁוֹן אֶת הַטוּמְאָה וַוייל דִי פוּס פוּן דֶעם עֶרְשְׁטִין אִיז גִיוֶוען אויף דֶעם פֶענְסְטֶער פְרִיעֶר אֵיידֶער דִי טוּמְאָה אִיז גִיקוּמֶען: ג מִקְצָת טוּמְאָה בְּבַיִת וּמִקְצָתָהּ כְּנֶגֶד אֲרוּבָּה אַבִּיסוּל פוּן דִי טוּמְאָה אִיז אוּנְטֶער דֶעם דַאךְ אוּנ אַבִּיסֶעל פוּן דִי טוּמְאָה אִיז גֶעגִין דֶעם פֶענְסְטֶער, אוּנ דֶער פֶענְסְטֶער אִיז נִיט בְּרֵייט אַטֶפַּח הַבַּיִת טָמֵא אַלֶץ וָואס אִין שְׁטוּבּ אִיז טָמֵא וּכְנֶגֶד הַטוּמְאָה טָמֵא אוּנ אַלֶץ וָואס אִיבֶּער דִי טוּמְאָה אִיז טָמֵא דִּבְרֵי רַבִּי מֵאִיר אַזוֹי זָאגְט רַבִּי מֵאִיר, רַבִּי יְהוּדָה זָאגְט הַבַּיִת טָמֵא אַלֶץ וָואס אִין שְׁטוּבּ אִיז טָמֵא וּכְנֶגֶד הַטוּמְאָה טָהוֹר אוּנ וָואס אִיבֶּער דִי טוּמְאָה אִיז טָהוֹר, רַבִּי יוֹסֵי זָאגְט אִם יֵשׁ בַּטוּמְאָה כְּדֵי שֶׁתֵּחָלֵק אויב אִין דִי טוּמְאָה אִיז דָא פְלֵייש פוּן

**ברטנורא**

הטומאה שיעור כדי לטמא באהל והיינו כשיהיה בכולה שני זיתים או יותר, והלכה כרבי יוסי (ב): ד ארובות זו על גב זו. כגון שיש ארובה בין בית לעליה ויש עוד ארובה אחרת בגג העליה מכוונת כנגדה ובכל אחת ואחת פותח טפח: בין מלמעלן. בארובה העליונה: בין מלמטן. בארובה התחתונה: הכל טמא. אפי' מה שבעליונה אע"פ שנתן בתחתונה ולא בעליונה דכיון דדבר המקבל טומאה הוא ואין חוצץ בפני הטומאה שבבית רואין אותו כאלו הוא נתון בפי הארובה העליונה ועירב את הטומאה (ג): ממנו ולמטן טמא. דנעשה אהל סתום וכל מה שבתוכו טמא: ממנו ולמעלן טהור. דחוצץ בפני הטומאה: ה אין טמא אלא התחתון. דכיון דטומאה בבית שלא כנגד ארובה אין טומאה יוצאה בפחות מטפח וטהורה העליה אע"פ שארובה של עליה סתומה: הכל טמא. דכיון דטומאה

**משנה**

והטמא כנגד הטומאה טמא, ואם לאו הבית טמא, כנגד הטומאה טהור: ד ארובות זו על גב זו. ויש בהן פותח טפח. טומאה בבית כנגד ארובות טהור. טומאה כנגד ארובות הבית טהור. הטומא' בין בבית בין כנגד ארובות. נתן דבר שהוא מקבל טומאה בין מלמעלן בין מלמטן [ד] הכל טמא ודבר שאינו מקבל טומאה. ממנו ולמטן טמא. ממנו ולמעלן טהור: ה אין בארובות פותח טפח. טומאה בבית, כנגד ארובות טהור. טומאה כנגד ארובות הבית טהור. הטומאה בבית נתן בין דבר שהוא מקבל טומאה בין דבר שאינו מקבל טומא'. בין מלמעלן בין מלמטן אין טמא אלא התחתון. הטומאה כנגד ארובות נתן דבר שהוא מקבל טומאה. בין מלמעלן בין מלמטן הכל טמא, ודבר

**עיקר תוי"ט**

שסנו ברישא ובארובה ב' לא נתן כלום ממנה (מאותן שנתן) אם מתחתונה ואם מעליונה ממנו ולמטה טמא ובסיפא ל"מ למיתני ממנו ולמטן טמא משום דאפי' נתן רק בעליונה אין טמא אלא התחתון דכיון דאינה בפותח טפח אפי' טומאה כנגד ארובה די לנו בזה דדבר שאינו מקבל טומאה שבעליונה מערב הטומאה בכל הבית התחתון במקום שהטומאה מונחת שם אבל לא הזינן כאלו הטומאה כמי בעליה מה שאין כן בדבר המקבל טומאה דחזינן כאלו הטומא' בעלייה דדבר טמא אינו חוצץ כו', מהר"ם: (ב) ול"נ דכנגד הטומאה טמא כשקדמה הטומאה את רגלו דלא תקשה הלכתא אהלכתא: (ג) ק' דפי' עדיף משאה היתה הטומאה בעלייה עצמה כנגד ארובה ול"ל דהכל טמא בין מה שתחת המאהיל בין מה שלמעלה כנגד ארובה א"כ בין מלמעלן ובין מלמטן פי' שנתנן בשתיהן ולכך אף על פי שהטומאה בבית גם עלייה טמאה דאין דבר טמא חוצץ והרי כסתומ' ארובה עליונה ומעורבת את הטומאה, הר"ש: [ד] הכל כו', וכר"מ דמ"ב הרא"ש וע"ל כשקדמה הטומאה וכ"מ ליתנא דמתני' הטומאה

---

אַמָת ווי צוויי אייל־בּירען גרויס, אַז מען וועט דאָס צו טיילען ותטמא את הבית וועט זיין ווי איין איילבּיר גרויס אונטער דעם דאַך מטמא צו זיין אַלץ וואָס אין שטוב. ותטמא כנגד הטומאה און, עס וועט זיין ווי איין איילבּיר גרויס אונטער דעם פענסטער צו מטמא זיין אַלץ וואָס איבער דיא טומאה טמא איז אַלץ וואָס איבער די טומאה אויך טמא ואם לאו און אויב עס איז ניטא וויא צוויא איילבּירען גרויס הבית טמא אַלץ וואָס אין שטוב איז טמא כנגד הטומאה טהור און וואָס איבער די טומאה איז טהור: ד ארובות זו על גב זו אויב עס איז דאָ צוויי שטובּין איינס איבער דיא אַנדערע און אין דערהייך אין די בּעלקעס איז דאָ פענסטער איינע איבער די אַנדערע און אין דאַך איז אויך דאָ אַפענסטער ויש בהן פותח טפח און יעדער פענסטער איז ברייט אַטפח און לאַנג אַטפח טומאה בבית אויב די טומאה ליגט אין שטוב כנגד ארובות טהור וואָס עס ליגט אין דערהייך געגין די פענסטער איז טהור טומאה כנגד ארובות אויב די טומאה ליגט אויף די ערד געגין די פענסטער הבית טהור אַלץ וואָס אין שטוב איז טהור הטומאה בין בבית בין כנגד ארובות אויב די טומאה ליגט אין שטוב אונטער דעם בּעלעק, אָדער די טומאה ליגט אונטער דעם פענסטער נתן דבר שהוא מקבל טומאה אויב ער האָט געגעבּין אויף דעם פענסטער אַזאַך וואָס קען טמא ווערין בין מלמעלן סיי די זאַך ליגט אויף דעם אויבּערשטין פענסטער בין מלמטן סיי די זאַך ליגט אויף דעם אונטערשטין פענסטער הכל טמא ווערט אַלץ טמא, אַפילו וואָס עס ליגט אין די אויבּערשטע שטובּין איז אויך טמא ודבר שאינו מקבל טומאה און אויב ער האָט געלייגט אויף דעם פענסטער אַזוי אַזאַך וואָס קען ניט טמא ווערין ממנו ולמטן וואָס עס ליגט אונטער דעם פאַרמאַכטען פענסטער טמא איז אַלץ טמא ממנו ולמעלן און וואָס עס ליגט איבּער דעם פאַרמאַכטין פענסטער טהור איז טהור: ה אין בארובות פותח טפח אויב אין די פענסטער איז ניטאַ אַטפח די ברייט און ניט אַטפח די לייַנג טומאה בבית אויב אַטומאה ליגט אין שטוב אונטער דעם בּעלעק כנגד ארובות טהור אַלץ וואָס ליגט געגין דיא פענסטער איז טהור טומאה כנגד ארובות און אַז די טומאה ליגט געגין די פענסטער הבית טהור אַלץ וואָס אין שטוב איז טהור הטומאה בבית אויב אַטומאה ליגט אין שטוב אונטער דעם בּעלעק נתן בין דבר שהוא מקבל טומאה ובין דבר שאינו מקבל טומאה אויב ער האָט געלייגט אַזאַך אויף דעם פענסטער, סייא דיא זאַך קען טמא ווערין און סיי די זאַך קען ניט טמא ווערין בין מלמעלן בין מלמטן סיי ער האָט געלייגט די זאַך אויף דעם אויבּערשטין פענסטער און סיי ער האָט איר געלייגט אויף דעם אונטערשטין פענסטער אין טמא אלא התחתון איז ניט מער טמא נאָר וואָס עס ליגט אונטער דעם אונטערשטין פענסטער הטומאה כנגד ארובות און אויב דיא טומאה ליגט געגין דיא פענסטער נתן דבר שהוא מקבל טומאה אויב ער האָט געלייגט אויף דעם פענסטער אַזוי אַזאַך וואָס קען טמא ווערין בין מלמעלן בין מלמטן סיי ער האָט געלייגט די זאַך אויף דעם אויבּערשטין פענסטער און סיי ער האָט איהר געלייגט אויף דעם אונטערשטין פענסטער הכל טמא איז אַלץ טמא, וואָס עס ליגט אין שטוב. און אַלע זאַכין וואָס עס ליגט

שאינו מקבל טומאה, בין מלמעלן בין מלמטן. אינו טמא אלא התחתון: ו ארובה שהיא בתוך הבית. וקדרה נתונה תחתיה שאם תעלה אין שפתותיה נוגעו' בארובה טומאה תחתיה בתוכה או על גבה טומאה בוקעת ועולה בוקעת [ה] ויורדת. היתה גבוהה מן הארץ טפח, טומאה תחתיה או בבית. תחתיה והבית טמא. תוכה וגבה טהור, בתוכה או על גבה, הכל טמא: ז היתה נתונה בצד האסקופה, שאם תעלה היא נוגעת במשקוף. פותח טפח. טומאה תחתיה בתוכה או על גבה. טומאה בוקעת ועולה בוקעת ויורדת. היתה גבוהה מן הארץ טפח. טומאה תחתיה או בבית תחתיה והבית טמא. תוכה

כנגד הארובה ודבר טמא אינו הולך רואין אותו כאלו הוא נתון כפי הארובה העליונה ועירב את הטומאות: ו ארובה. שהית רואה את האויר: וקדרה נתונה תחתיה. בארץ כנגד הארובה ואינה רחבה כל כך שאם תעלה כנגד הארובה שיהיו שפתותיה נוגעות בארובה אלא יוצאת ונכנסת בריוח: טומאה בוקעת ועולה. והבית טהור וכל המאהיל עליה שלא כנגד הטומאה טהור אבל כנגד הטומאה טמא דאע"ג דאין כלי חרס מטמא מגבו הכא דטומאה בוקעת תוכה נמי טמא אע"ג דטומאה תחתיה וכל מה שבקדרה טמא ואפי' שלא כנגד הטומאה (ד): תחתיה והבית טמא. שהקדרה מאהלת על הטומאה שהוא גבוה טפח: תוכה וגבה טהור. שהקדרה חוצצת בפני הטומאה ומצלת עם דפנות האהלים (ה): בתוכה או על גבה הכל טמא. תוכה וגבה ותחתיה והבית דטומאה שעל גבה בוקעת תחתיה והרי גבוהה טפח וגוב אין מצלת כיון דקדרה טמאה: ז היתה נתונה. אקדרה קאי: בצד האסקופה. שהיתה מונחת על האסקופה מבחוץ מסוכה לפנים כל כך שאם תעלה יש ממנה טפח תחת המשקוף וכגון שהקדרה רחבה מלמטה הרבה וצרה מלמעלה כלפי פיה דכי קיימא טפח תחת המשקוף עדיין כל פיה להוץ: טומאה תחתיה. ברצועה איירי: בוקעת ועולה. והבית טהור וכגון שטומאה מן המשקוף ולחוץ דאי בטפח המסוך לפנים היה הבית טמא: תחתיה והבית טמא. כיון דאיכא טפח ממנה לפנים שמביא את הטומאה

כו' נתן כו': (ד) מפסס חבורין כמ"ש הר"ב ספ"ב דלעיל וע"ש והא דתני בוקעת ועולה דמשמע דשלא כנגד הטומאה טהור היינו כמש שאין לקדרה, הר"ש: [ה] ויורדת. לא שירדה עד התהום שהרי אינה ללולה אלא ר"ל תחתיה עד שאין כלי טמא חולץ ומ"מ כיון שאין ע"ג טע"ט שהרי פתיחה לאויר אינו מביא הטומאה לצדדין, הר"ש. ואם תאמר כשהטומאה תחתיה הו"ל רלולה ותרד עד התהום, וי"ל כיון דאין כלי טמא חולץ ה"ל כאלו היא מגולה, כ"מ: (ה) הר"ב ולפעמים אזלי דמ"ס פ"ס אבל הוא דוחק, ופ"ק דע"כ ל"א כהס אלא בכלים הטהורים אבל לא במקבלים טומאה, ומהר"א כתב דגב כ"ה מליל עם דפנות האהלים והריבה שבאמצע הבית

אין די איבערשטע שטובן איז אויך טמא ודבר שאינו מקבל טומאה און אויב ער האט געליגט אויף דעם פענסטער אזוי אזאך וואס קען ניט טמא ווערין בין מלמעלן בין מלמטן סיי ער האט גילייגט די זאך אויף דעם אויבערשטין פענסטער און סיי ער האט איהר גילייגט אויף דעם אונטערשטען פענסטער אין טמא אלא תחתון איז ניט מער טמא נאר וואס עס ליגט אונטער דעם פענסטער. אויב ער האט גיליגט אויף דעם אויבערשטין פענסטער איז אלץ טמא וואס געגין די פענסטער נאר ניט וואס אין שטוב און אויב ער האט געליגט דיא זאך אויף דעם אונטערשטין פענסטער אלין וואס אונטער דעם פענסטער איז טמא און ווס איבער דעם פענסטער איז טהור: ו ארובה שהיא בתוך הבית אויב אין דאך פון שטוב איז דא אפענסטער וקדרה נתונה תחתיה און אויף די ערד אונטער דעם פענסטער שטייט אטאפ שאם תעלה אויב דו וועסט ארויף נעמען דעם טאפ דורך דעם פענסטער אין שפתותיה נוגעות בארובה וועלין די זייטין פון טאפ ניט אן רירען די זייטין פון פענסטער, דער טאפ איז שמעלער ווי די פענסטער טומאה תחתיה אויב די טומאה איז אונטער דעם טאפ בתוכה אדער אין דעם טאפ או על גבה אדער אויף דעם טאפ טומאה בוקעת ועולה בוקעת ויורדת די טומאה שפאלט דורך ביז צום הימעל און זיא שפאלט אין דער נידער ביז צום אבגרונד, און צלץ וואס אין שטוב איז טהור היתה גבוהה מן הארץ טפח אויב דער טאפ איז הויך פון די ערד אטפח טומאה תחתיה אויב דיא טומאה ליגט אונטער דעם טאפ או בבית אדער אין שטוב תחתיה והבית טמא אלץ וואס אונטער דעם טאפ און וואס אין שטוב איז טמא תוכה וגבה טהור אלץ וואס אין טאפ און וואס אויף דעם טאפ איז טהור בתוכה און אויב די טומאה איז איננווייניג אין טאפ או על גבה אדער אויף דעם טאפ הכל טמא איז אלץ טמא, וואס אין טאפ און אויף דעם טאפ און אונטער דעם טאפ און אין שטוב אלץ איז טמא: ז היתה נתונה בצד האסקופה אויב דער טאפ איז געשטאנען ביי דיא שוועל פון אויסווייניג, און דער טאפ איז ניוועז אויבין שמאל און אונטין ברייט שאם תעלה אויב מען וועט דעם טאפ ארויף ציהען אין דער הייך וועט זיין די מויל פון טאפ אויסווייניג, און דער אונטין פון טאפ היא נוגעת במשקוף פותח טפח וועט אנרירען דעם אויבערשטין בעלעק וואס איבער די שוועל אויף אטפח דיא ברייט טומאה תחתיה אויב אטומאה ליגט אונטער דעם טאפ בתוכה אדער אין דעם טאפ או על גבה אדער אויף דעם טאפ טומאה בוקעת ועולה בוקעת ויורדת די טומאה שפאלט ארויף ביז צום הימעל און זיא שפאלט אין דער נידער ביז צום אבגרונד און אויב די טומאה ליגט אין טאפ אין דער זייט וואס אויסווייניג פון די שוועל, איז דיא שטוב טהור, און אויב די טומאה ליגט אין טאפ אין דער זייט וואס איבער די שוועל אלין וואס אין די שטוב איז טמא היתה גבוהה מן הארץ טפח אויב דער טאפ איז הויך פון די ערד אטפח טומאה תחתית אויב די טומאה ליגט אונטער דעם טאפ או בבית

אדער

לבית : תוכה וגבה טהור. דכלולת עם דופן הבית : הכל טמא. דנטמאה הקדרה ואינה חוצלת ורואין את הטומאה כאלו היא תחתיה והבית טמא : או מודבקת. שאין הקדרה תחת המשקוף כלל אלא למעלה דבוקה בלד המשקוף ואין רוחב דביקתה טפח (ו) : אין טמא אלא תחתיה. כיון דליכא טפח תחת המשקוף אין מביא טומאה לבית והבית ותוכה וגבה הכל טהור :

וגבה טהור. בתוכה או על גבה הכל טמא, שאם תעלה אינה נוגעת ◦במשקוף פותח טפח או מודבקת במשקוף. טומאה תחתיה. אין טמא אלא תחתיה :

◦נגמ' בשקוף

מקרי דסנות אהלים כדמשמע לעיל פ"ס, ופתוי"ס : (ו) ק' דלמאי קתני לה דמס"ת דהוי עדיפא מכשתעלה ואין בה פ"ט, ומסר"ג לחב דסד"א דכשיש ממנה תחת המשקוף ואינה כפ"ט אינה מביאה הטומאה מאהל צרא' לאהל קבע אבל הכא נראה כמוסיף עליו והוי כמחובר למשקוף והכי' אסל אמר קמ"ל דלא, ועיין תוי"ט :

אָדֶער דִי טוּמְאָה לִיגְט אִין שְׁטוּבּ תַּחְתֶּיהָ וְהַבַּיִת טָמֵא אַלְץ וָואס לִיגְט אוּנְטֶער דָעם טָאפּ אוּנ אִין שְׁטוּבּ אִיז טָמֵא תּוֹכָהּ וְגַבָּהּ טָהוֹר אוּנ אַלְץ וָואס לִיגְט אִין טָאפּ אוּנ אוֹיף דֶעם טָאפּ אִיז טָהוֹר בְּתוֹכָהּ אוֹ עַל גַּבָּהּ אוֹיבּ דִי טוּמְאָה לִיגְט אִין טָאפּ אָדֶער אוֹיף דֶעם טָאפּ הַכֹּל טָמֵא אִיז אַלְץ טָמֵא שֶׁאִם תַּעֲלֶה אֵינָהּ נוֹגַעַת בַּמַּשְׁקוֹף פּוֹתֵחַ טֶפַח אָבֶּער אַז דֶער טָאפּ אִיז אוּנְטֶען נִיט בְּרֵייט אוֹיבּ מֶען וֶועט אִיהם אוֹיפְהֵייבִּין צוּם בֶּעלֶעק וָואס אִיבֶּער דִיא שְׁוֶועל וֶועט נִיט זַיין אַטֶפַח פוּן טָאפּ אוּנְטֶער דֶעם בֶּעלֶעק אוֹ מוּדְבֶּקֶת בְּשָׁקוֹף אָדֶער דֶער טָאפּ אִיז נָאר בַּהֶעפְט צוּם בֶּעלֶעק אָבֶּער נִיט אוּנְטֶער דֶעם בֶּעלֶעק טוּמְאָה תַּחְתֶּיהָ אוֹיבּ דִי טוּמְאָה לִיגְט אוּנְטֶער דֶעם טָאפּ אֵין טָמֵא אֶלָּא תַּחְתֶּיהָ אִיז נִיט מֶער טָמֵא נָאר וָואס עֶס לִיגְט אוּנְטֶער דֶעם טָאפּ :

## רש"י

בשפופרת. הכניסה קנה חלול באותו מקום ונמלא בתוכו דם : בבשרה. דם יהיה זובה בבשרה שילא דרך כותלי בית הרחם ואין מפסיק והאי קרא בנדה כתיב ופרשה שניה נאמר בזבה ואשה כי יזוב זוב דמה וגו' : שמטמא' בפנים כבחוץ. מאחר שילא מן המקור לפרוזדור והעמידו כותליה מיד היא מטמאה משא"כ בזב ובעל קרי דאין מטמאין עד שתלא טומאתן לחוץ : אם יש בה דם אגור וכו'. ומאי שנא

## גמרא נדה דף כא ע"ב

בעא מיניה רבי ירמיה מרבי זירא הרואה דם בשפופרת מהו בבשרה אמר רחמנא ולא בשפופרת או דלמא האי בבשרה מיבעי ליה שמטמאה בפנים כבחוץ. א"ל בבשר' אמר רחמנא ולא בשפופרת דאי בבשרה מיבעי ליה שמטמאה מבפנים כבחוץ א"כ נימא קרא בבשר מאי בבשר' ש"מ תרתי. והאמר ר' יוחנן משום רשב"י המפלת חתיכה קורעה אם יש בה דם אגור טמאה,

## תוספות

והאמר רבי שמעון בן יוחי. וא"ת ולימייתיה ממתניתין דכפי עמה דם. וי"ל סייגו משום דקסבר דאינו דם נדות :

בָּעֵי מִנֵּיהּ רַבִּי יִרְמְיָה מֵרַבִּי זֵירָא רַבִּי יִרְמְיָה הָאט גִיפְרֶעגְט בַּייא רַבִּי זֵירָא הָרוֹאָה דָּם בִּשְׁפוֹפֶרֶת מַהוּ אוֹיבּ אַאִשָּׁה הָאט אַרַיין גִישְׁטֶעקְט אִין זִיךְ אַלַאנְגֶע רֶערִיל אוּנ הָאט אִיהם אַרוֹיס גֶענוּמֶען צוּרִיק אוּנ אִין דֶעם רֶערִיל אִיז גֶעפוּנֶען גִיוָוארִין בְּלוּט, וִויא אִיז דֶער דִין, אִיז זִיא טְמֵאָה וִויא אַנִדָּה אָדֶער וִויא אַזָבָה, אָדֶער זִיא אִיז טָהוֹר בִּבְשָׂרָהּ אָמַר רַחֲמָנָא וְלֹא בִּשְׁפוֹפֶרֶת דִי תּוֹרָה הָאט גִיזָאגְט אוֹיבּ דִיא בְּלוּט וֶועט רִינֶען פוּן אִיהר לַייבּ זָאל זִיא זַיין טְמֵאָה, אָבֶּער אַז דִי בְּלוּט רִינְט דוּרְךְ אַרֶערִיל אִיז זִיא טָהוֹר אוֹ דִלְמָא הַאי בִּבְשָׂרָהּ מִיבָּעֵי לֵיהּ שֶׁמְּטַמְּאָה בִּפְנִים כְּבַחוּץ אָדֶער אֲפִילוּ דִי בְּלוּט אִיז גֶעפוּנֶען גִיוָוארִין אִין אַרֶערִיל אִיז זִיא אוֹיךְ טְמֵאָה, אוּנ וָואס דִיא תּוֹרָה הָאט גִיזָאגְט „בִּבְשָׂרָהּ" אִין אִיהר לַייבּ, דָאס לֶערוּנְט אוּנְז אַיין אַנְדֶערֶען דִין, אַז דִי בְּלוּט פוּן נִדּוּת הָאט זִיךְ נָאר גֶערִירְט פוּן אָרְט, אֲפִילוּ עֶס אִיז נָאךְ נִיט אַרוֹיס גֶעגַאנְגֶען פוּן דִיא אִשָּׁה, פוּן דֶעסְטְוֶועגִין אִיז דִי אִשָּׁה שׁוֹין טְמֵאָה, אִיז דִי בְּלוּט מְטַמֵּא אִין אִיהר לַייבּ, גְלַייךְ וִויא עֶס וָואלְט שׁוֹין אַרוֹיס גֶעגַאנְגֶען פוּן אִיהר לַייבּ אָמַר לֵיהּ הָאט רַבִּי זֵירָא גִיזָאגְט צוּ רַבִּי יִרְמְיָה בִּבְשָׂרָהּ אָמַר רַחֲמָנָא וְלֹא בִּשְׁפוֹפֶרֶת דִיא תּוֹרָה הָאט גִיזָאגְט אוֹיבּ דָאס בְּלוּט וֶועט גֵיין דוּרְךְ אִיהר לַייבּ זָאל זִיא זַיין טְמֵאָה, אָבֶּער אַז דִי בְּלוּט גֵייט דוּרְךְ אַרֶער אִיז דִי אִשָּׁה נִיט טְמֵאָה דְאִי בִּבְשָׂרָהּ מִיבָּעֵי לֵיהּ שֶׁמְּטַמְּאָה בִּפְנִים כְּבַחוּץ וָוארוּם אַז מֶען זָאל דַארְפִין דֶעם וָוארְט „בִּבְשָׂרָהּ" אוֹיף דֶעם אַיין דִין אַז דִיא בְּלוּט נִדּוּת הָאט זִיךְ גֶערִירְט פוּן אָרְט אוּנ עֶס אִיז נָאךְ אִינְוֵוייגִיג, דִיא בְּלוּט אִיז נָאךְ נִיט אַרוֹיס גֶעגַאנְגֶען פוּן דִי אִשָּׁה פוּן דֶעסְטְוֶועגִין אִיז דִי אִשָּׁה טְמֵאָה גְלַייךְ וִויא דִי בְּלוּט וָואלְט שׁוֹין אַרוֹיס גֶעגַאנְגֶען אִם כֵּן נֵימָא קְרָא בְּבָשָׂר אוֹיבּ עֶס אִיז אַזוֹי זָאל שְׁטֵיין אִין פָּסוּק בְּבָשָׂר וֶועלִין מִיר זָאגִין אֲפִילוּ דִיא בְּלוּט נִדּוּת אִיז נָאךְ אִין אִיהר לַייבּ, פוּן דֶעסְטְוֶועגִין אִיז זִיא טְמֵאָה מַאי בִּבְשָׂרָהּ פַאר וָואס שְׁטֵייט בִּבְשָׂרָהּ שְׁמַע מִינָּהּ תַּרְתֵּי וַוייסִין מִיר פוּן דֶעם וָוארְט צְווייא דִינִים, אַיין דִין אוֹיבּ דִיא בְּלוּט נִדּוּת הָאט זִיךְ נָאר גֶערִירְט פוּן אָרְט אֲפִילוּ דִיא בְּלוּט אִיז נָאךְ אִין דִיא אִשָּׁה פוּן דֶעסְטְוֶועגִין אִיז זִיא שׁוֹין טְמֵאָה, דֶעם אַנְדֶערֶען דִין אוֹיבּ דִי בְּלוּט גֵייט דוּרְךְ אַרֶער אוּנ דִי בְּלוּט הָאט נִיט אָנְגֶערִירְט דָאס לַייבּ פוּן דִיא אִשָּׁה, אִיז דִיא אִשָּׁה טָהוֹר. פְרֶעגְט דִי גְמָרָא וְהָאָמַר רַבִּי יוֹחָנָן מִשּׁוּם רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאִי רַבִּי יוֹחָנָן הָאט דָאךְ גִיזָאגְט פוּן רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאִים וֶועגִין הַמַּפֶּלֶת חֲתִיכָה קוֹרַעַת אִם

משפופרת: דרכה של אשה לראות דם בחתיכה. הולך כבשרה קרינא ביה דמין כמינו לא היין:

ואם לאו טהורה. הכי השתא התם דרכה של אשה לראות דם בחתיכה הכא אין דרכה של אשה לראות דם בשפופרת:

יש בה דם אגור טמאה ואם לאו טהורה אויב פון אאשה איז ארויס געפאלין אשטיק, זאל מען דאס אויפשניידין אויב איניוויניג איז דא פארזאמולטע בלוט (די בלוט איז איניוויניג אזוי וויא אין אכלי) איז דיא אשה טמא, אונ אויב דיא בלוט איז ניט איניוויניג פארזאמולט איז זיא טהור, דיא פארזאמולטע בלוט וואס איז אין די שטיק וואס איז ארויס געפאלין פון די אשה, איז דאך גלייך צו די בלוט וואס אין די רער (די בלוט וואס אין די רער האט ניט אנגערירט דאס לייב פון די אשה, אונ די בלוט וואס אין די ארויס געפאלענע שטיק האט ניט אנגערירט דאס לייב פון די אשה) פאר וואס ביא די בלוט וואס אין די רער זאגסטו אז די אשה איז טהור, אונ ביא די בלוט וואס אין דיא ארויס געפאלענע שטיק זאגט רבי יוחנן דיא אשה איז טמא, ענטפערט די גמרא הכי השתא עס איז ניט גלייך איינס צו דאס אנדערע התם דרכה של אשה לראות דם בחתיכה דער שטיינער איז ביי אאשה פון איהר זאל ארויס פאלין אשטיק אונ אין דיא שטיק זאל געפונען ווערין פארזאמולטע בלוט, איז גלייך וויא דיא בלוט וואלט אנגערירט איהר לייב, דריבער איז זיא טמא הכא אין דרכה של אשה לראות דם בשפופרת אבער דאס איז ניט דערשטיינער פון אאשה זיא זאל זעהן בלוט דורך ארער, דריבער איז דיא אשה טהור:

## זוהר ויקהל דף רג ע״א

פתח רבי יצחק אבתריה ואמר ויקהל משה את כל עדת בני ישראל וגו׳. אמאי כניש לון בנין לממסר לון שבת כמלקדמין דהא בקדמיתא עד לא עבדו בני ישראל ית עגלא מסר לון את השבת. ודא איהו דלא נטרו איגון ערב רב. כיון דטמעו ביני ובין בני ישראל אמרו ואבן מלה דא אתמנע מינן מיד ויקהל העם על אהרן וגו׳ ואתמשכו סגיאין אבתרייהו. לבתר דמיתו איגון דמיתו כניש משה לבני ישראל בלחודייהו ויהב לון שבת כמלקדמין הה״ד ששת ימים תעשה מלאכה וגו׳ לא תבערו אש בכל מושבותיכם הכא אית רזא דרזין לאינון דידעי הכמתא עלאה רזא דשבת הא אוקמוה חברייא אבל רזא דא אתמסר לחכימי עליונין דהא שבת רזא עלאה הוא:

## מוסר — יוסף לחק — הלכה פסוקה

משערי תשובה לר״י דף ט ע״ב.

באשר יקבל האדם את מוסר השם ויטיב דרכיו ומעלליו ראוי לו שישמח ביסוריו לפי שהועילוהו תועלת נשגבות, ויש לו להודות לשם יתעלה עליהם כמו על שאר ההצלחות, כנאמר כוס ישועות אשא ובשם ה׳ אקרא, ונאמר צרה ויגון אמצא ובשם

הרמב״ם הלכות שבת פ״ט.

(א) אחד נתן את האור וא׳ נתן את העצים וא׳ נתן את הקדרה וא׳ נתן את המים וא׳ נתן את הבשר וא׳ נתן את התבלין ובא אחד והגיס כולם חייבים משום מבשל, שכל העושה דבר מצרכי הבישול ה״ז

באשר יקבל האדם את מוסר השם וייטיב דרכיו ומעלליו אז דער מענטש וועט אן נעמען דעם שטראף פון גאט אונ וועט פארבעסערין זיין פירונג אונ זיינע מעשים ראוי לו שישמח ביסוריו דארף ער זיך פרייען מיט די יסורים לפי שהועילוהו תועלות נשגבות וויל זיי האבין איהם גיהאלפין גרויסע הילפען ויש לו להודות לשם יתעלה עליהם כמו על שאר ההצלחות אונ ער דארף לויבין גאט אויף די יסורים וואס ער האט איהם גיגעבין אזוי ווי ער לויבט גאט אויף אנדערע גליקען וואס ער האט איהם גיגעבין שנאמר ווארום עס שטייט אין פסוק דוד המלך הט גיזאגט כוס ישועות אשא ובשם ה׳ אקרא ווען גאט העלפט מיר הייב איך אויף אכוס וויין אונ טרינק איהם מיט שמחה אונ רוף דעם נאמען פון גאט איך לויב גאט אויף די הילף וואס ער האט מיר גיהאלפין ונאמר נאך האט דוד המלך גיזאגט צרה ויגון אמצא ובשם ה׳ אקרא ווען איך געפין אצרה אדער איין אנדער טרויעריקייט רוף איך אויך דעם נאמען פון גאט, לויב איך אויך גאט, וויל איך ווייס אז

(א) אחד נתן את האור ואחד נתן את העצים ואחד נתן את הקדרה ואחד נתן את המים ואחד נתן את הבשר ואחד נתן את התבלין איינער האט געלייגט אפייער, איז געקומען נאך איינער אונ האט געלייגט האלץ אויף דעם פייער, איז געקומען נאך איינער אונ האט גישטעלט אליידיגין טאפ געבין דעם פייער, איז געקומען נאך איינער אונ האט אריין גיגאסין וואסער אין דעם טאפ, איז געקומען נאך איינער אונ האט אריין געלייגט פלייש אין דעם וואסער וואס אין טאפ, איז געקומען נאך איינער אונ האט אריין גישאטין בשמים אין דעם טאפ וואסער מיט פלייש ובא אחר והגיס אונ עס איז געקומען נאך איינער אונ האט אויסגעמישט מיט אלעפיל אין טאפ כולם חייבים משום מבשל זענען אלע חייב וויל זייא האבין גיקאכט אום שבת שכל העושה דבר מצרכי הבישול הרי זה מבשל ווארום דער מענטש וואס טוהט אזאך וואס מען דארף צו דעם קאכין, הייסט דאס ער האט גיקאכט. אונ אויסמישען דאס עסין וואס אין טאפ דארף מען אויך צום קאכין,

מבשל. אבל אם שפת אחד את הקדרה תחלה ובא אחר ונתן את המים ובא אחר ונתן את הבשר ובא אחר ונתן את התבלין ובא אחר ונתן את האור ובא אחר ונתן עצים על האור ובא אחר והגים שנים האחרונים בלבד חייבין משום מבשל: (ב) הניח בשר ע"ג גחלים אם נצלה בו כגרוגרת אפילו בשנים ושלשה מקומות חייב, לא נצלה בו כגרוגרת אבל נתבשל כולו חצי בישול חייב. נתבשל חצי בישול מצד א' פטור עד

דריבער דער וואס האט אויסגעמישט דאס עסין איז אויך חייב אבל אם שפת אחד את הקדרה תחלה אבער אז פריער האט איינער געשטעלט א טאפ ובא אחר ונתן את המים איז געקומען איין אנדערער אונ האט אריין געגאסין וואסער אין טאפ ובא אחר ונתן את הבשר איז געקומען איין אנדערער אונ האט אריין געלייגט פלייש אין די וואסער וואס אין טאפ ובא אחר ונתן את התבלין איז געקומען איין אנדערער אונ האט אריין געשאטין בשמים אין דעם טאפ וואסער מיט פלייש ובא אחר ונתן את האור איז געקומען איין אנדערער אונ האט געלייגט פייער געפין דעם טאפ ובא אחר ונתן עצים על האור איז געקומען איין אנדערער אונ האט גינעבין האלץ אויף דעם פייער ובא אחר והגים אונ עס איז געקומען איין אנדערער אונ דאס אויסגעמישט דאס עסין וואס אין טאפ שנים האחרונים בלבד חייבין משום מבשל זענען נאר דיא לעצטע צווייי חייב נייל זייא האבין גיקאכט אום שבת: (ב) הניח בשר על גבי גחלים אויב ער האט גע־לייגט אום שבת פלייש אויף ברענענדיגע קוילין אם נצלה בו כגרוגרת אויב צשטיקעל פון דעם פלייש גרוים וויא אנעטריקונטער פייג איז גיבראכין גיווארין אפילו בשנים ושלשה מקומות חייב אפילו דאס שטיקעל גיבראטענע איז ניט אויף איין ארט נאר אויף צווייי דריי ערטער, אונ די צווייי דריי ערטער צו זאמען זענען גרוים וויא אאיילבירט, איז ער חייב לא נצלה בו כגרוגרת אבל נתבשל כולו חצי בישול חייב אונ אויב פערטיג גיבראטענע איז אין דעם פלייש ניטא עס זאל זיין גרוים ווי אנעטריקנטע פייג. נאר עס איז אין גאנצין פערטיג גיווארין דיא העלפט וויא עס דארף פערטיג ווערין, דהיינו עס דארף זיך בראטין אשעה ביז עס וועט פערטיג ווערין, אונ עס האט זיך נאר גיבראטין אהאלבע שעה, איז ער חייב אקרבן אויב עס איז גיוועזן אומגעקערין נתבשל חצי בישול מצד אחד פטור אויב עס איז פערטיג גיווארין דיא העלפט וויא עס דארף פערטיג ווערין, אבער נאר פון איין זייט, דהיינו דיא פלייש זאל דורכגיבראטין ווערין פון ביידע זייטין דיא גאנצע גרעב דארף דאערין אשעה אונ אז זיא זאל גוט גיבראטין ווערין אויף איין זייט דארף דאערין אהאלבע שעה, אונ עס איז נאר גיבראטין גיווארן די העלפט גרעב אפערטיל שעה,

ה' אקרא. ואמרו ז"ל בספרי ר' אליעזר בן יעקב אומר כל זמן שאדם שרוי בשלוה אין מתכפר לו מעונותיו כלום וע"י היסורי' הוא מתרצה למקום, שנאמר כי את אשר יאהב ה' יוכיח וכאב את בן ירצה. פי' כאב את בן כן ירצה ה' את אשר הוכיח וקבל מוסר, וכדרך שהאב ירצה את בנו אחרי התוכחות. ויש לפרש עוד וכאב יוכיח את הבן אשר ירצה בו ואינו מוכיח את הבנים שהוא נואש מהם ויודע שלא יועילם התוכחות, ונאמר על האנשים שאינן מכירין טובת התוכחות ותועלתם ואנכי אפדם והמה דברו עלי כזבים ונאמר ואנכי יסרתי חזקתי זרועותם ואלי יחשבו רע, וגו'

דאס איז מיין טובה ואמרו זכרונם לברכה בספרי דיא חכמים האבין גיזאגט אין ספרי, רבי אליעזר בן יעקב זאגט כל זמן שאדם שרוי בשלוה אין מתכפר לו מעונותיו כלום אזויא לאנג וויא אמענטש איז מיט פרידען [עס פעלט איהם גאר ניט] איז מען איהם גאר ניט מוחל פון זיינע זינד ועל ידי היסורים הוא מתרצה למקום אונ דורך יסורים ווערט ער בוויליגט צו גאט שנאמר וואורום עס שטייט אין פסוק כי את אשר יאהב ה' יוכיח וועמען גאט האט ליב דעם שטראפט ער וכאב את בן ירצה אזוי ווי אפאטער וויל זיין זוהן פירוש כאב את בן כן ירצה ה' את אשר הוכיח וקיבל מוסרו אזוי ווי אפאטער האט ליב זיין זוהן, אזוי האט גאט ליב דעם מענטש וואס מען האט איהם גישטראפט אונ ער האט צו גענומען די שטראף מיט ליבשאפט אונ ער האט גיטאהן תשובה וכדרך שהאב ירצה את בנו אחרי התוכחה אונ אזוי ווי אפאטער האט ליב זיין זוהן נאכדעם ווי ער האט איהם גישטראפט ויש לפרש עוד וכאב יוכיח את הבן אשר ירצה בו מען קען זאגין אזוי מיינט דער פסוק, אזוי ווי אפאטער וואס שטראפט דעם זוהן וום ער וויל איס, ווס ער האט איהם ליב ואינו מוכיח את הבנים שהוא נואש מהם ויודע שלא יועילם התוכחות אבער דיא קינדער וואס ער ווייס אז זיי וועט שוין קיין שטראף העלפין, פון זיי פארגעסט ער זיך שוין אונ שטראפט זיי ניט, ביי הקב"ה איז אויך אזוי אז ער ווייס דער מענטש וועט טאהן תשובה, שיקט ער אויף איהם יסורים, ער זאל טאהן תשובה. אונ דיא מענטשין וואס הקב"ה ווייס אז זיי וועלין קיין תשובה טאהן שטראפט ער זיי ניט ונאמר על האנשים שאינן מכירין טובת התוכחות ותועלתם אונ די מענטשין וואס דערקענען ניט די טובה פון שטראף אונ יסורים וואס גאט שיקט אויף זיי, אויף זיי זאגט דער פסוק ואנכי אפדם והמה דברו עלי כזבים גאט זאגט מיט די יסורים וואס איך האב אויף זיי געשיקט האב איך זיי גיוואלט אויס לייזין [פון זייערע זינד], אונ זיי האבין אויף מיר גיזאגט ליגען [זיי האבין גיזאגט אז די יסורים זענען ניט פון גאט נאר אטרעפונג] ונאמר נאך זאגט דער פסוק גאט זאגט ואנכי יסרתי חזקתי זרועותם ואלי יחשבו רע איך האב אויף זיי געשיקט יסורים, מיט די יסורים האב איך געשטארקט זייערע הענט [זיי וועלין טאהן תשובה. וועל איך אויף

ואנכי תרגלתי לאפרים קחם על זרועותי ולא ידעו כי רפאתים וגם על סבועת בשם להוחיל ממעוף צוקתו כי יהי' החושך סבת הסורים כמ"ש אל תשמחי אויבתי לי כי נפלתי קמתי כי אשב בחשך ה' אור לי:

שיהפך בו ויתבשל חצי בישול משני צדדין, שבת והדביק פת בתנור בשבת ונזכר מותר לו לרדותה קודם שתאפה ויבוא לידי מלאכה:

זיי קענען ברייגען אלע טובות] אונ זיי טראכטין אויף מיר אז מיט די יסורים וויל איך זיי שלעכטס טאהן ונאמר נאך זאגט דער פסוק ואנכי תרגלתי לאפרים קחם על זרועותי ולא ידעו כי רפאתים איך האב איינגעוואהנט אפרים ומיט די יסורים וואס איך האב אויף זיי געשיקט, זיי זאלין טאהן תשובה] איך זאל זיי קענען נעמען אויף מיינע ארעמס, אונ זיי ווייסין נאר ניט אז מיט די יסורים האב איך געהיילט זייערע נשמות ויש על הבוטח בה' להוחיל ממעוף צוקתו כי יהיה החשך סבת האורה אונ דער מענטש וואס איז פארזיכערט אויף גאט דארף ווארטין אז פון זיינע שטארקע צרות וועט ער געהאלפין ווערין אונ די פינסטערקייט וועט זיין אסבה. אז אויף איהם זאל קומען אליכטיגקייט כמו שנאמר ווי עס שטייט אין פסוק אל תשמחי אויבתי לי מיין פיינד זאלסט דיך ניט פרייען אויף מיר כי נפלתי קמתי אפילו איך בין געפאלין פון דעסטוועגין בין איך אויף גישטאנען כי אשב בחשך ה' אור לי אפילו איך וועל נאך אמאהל דארפין זיצען אין דער פינסטער, ווייס איך אז גאט וועט זיין מיין ליכטיגקייט:

איז דאך פון דיא איין זייט אויך גיבראטין גיווארין נאר די העלפט וויא עס דארף גיבראטין ווערין איז ער פטור עד שיהפך בו סיידין ער זאל די פלייש אומקערין אויף די אנדערע זייט אונ זאל לייגין די אנדערע זייט אויף די קוילין ויתבשל חצי בישול משני צדדין אונ דיא אנדערע זייט זאל זיך אויך בראטין אפערטיל שעה אונ וועט אויך גיבראטין ווערין דיא העלפט וויא עס דארף גיבראטין ווערין, וועט שוין זיין גיבראטין דיא העלפט פון ביידע זייטין וועט ער חייב זיין שבת והדביק פת בתנור בשבת אויב ער האט פארגעסין אז עס איז שבת אונ האט אנגיקלעבט ברויט אין הויבין אום שבת ונזכר אונ ער האט זיך דערמאנט אז עס איז שבת מותר לו לרדותה קודם שתאפה ויבא לידי מלאכה מעג ער ארויס נעמען די ברויט פון הויבין איידער זיא וועט געבאקט ווערין. ווארום אז ער וועט נאר ווארטין ביז דער ברויט וועט געבאקט ווערין וועט ער חייב זיין אקרבן חטאת:

# אמוסר וועגין בטחון. צו האבין אפארזיכערונג אויף הקב"ה

שלח לך אנשים וגו' גאט האט גיזאגט צו משה ער זאל שיקען מענטשין אין דיא לאנד כנען זייא זאלין אויס זעהן דיא לאנד. פון דעם פסוק זעהן מיר אז הקב"ה פירט דיא וועלט מיט דיא נאטירליכע בשאפונג וויא ער האט זיא בשאפין, אונ ער וויל זיא ניט ענדערין, נאר סיידין ווען עס איז גאנץ נייטיג דאמאלס ענדערט הקב"ה זיין בעשאפונג, דאס ווערט גערופין אנס, דריבער דארף יעדער מענטש אויך אזוי פירען, למשל אז איינער איז קראנק דארף ער גיין צו אדאקטער אונ נעמען מעדיצין אונ פון דעסטוועגין זאל ער זיך ניט פאר זיכערין אז דער מעדיצין וועט איהם העלפין, דיא פארזיכערונג דארף ער האבין אויף הקב"ה אז דורך דעם מעדיצין וועט איהם גאט העלפין, אונ ער זאל ניט זאגין אז גאט קען העלפין אן מעדיצין אויך. עס איז אמת גאט קען טאקע העלפין אן מעדיצין אויך, פון דעסטוועגין האט גאט בשאפין אלע ערלייא גראזין וואס מיט זיי זאל זיך דער מענטש היילין מיט דער נאטור, נאר גאט שיקט אריין דעם דאקטער אין זינען ער זאל טרעפין וואס די קראנקייט איז אונ זאל באלד צו טרעפין דעם מעדיצין צו די קראנקייט, אונ ער זאל געזונד ווערין, אונ אזוי איז גזאגט גיווארין אין דיא תורה ורפא ירפא דער מענטש זאל גיין צו ארופא ער זאל איהם היילין, אונ אזוי איז ביי די פרנסה פון דעם מענטש, דער מענטש זאל ניט זאגין גאט האט מיך בעשאפין זאל מיך גאט שפייזין אזוי וויא ער שפייזט אלע בהמות, זייא טוהען נאר ניט צו זייער פרנסה אונ גאט שפייזט זייא, אונ איך וועל אויך גאר ניט טאהן אונ גאט וועט מיך שפייזין, אויף דעם מענטש זאגט דער פסוק יברכך בכל אשר תעשה גאט וועט דיך בענטשין אין אלץ וואס דו וועסט טאהן, דער מענטש מוז טאהן, אדער ער איז אבעל מלאכה אדער אסוחר, אדער ער איז אערד ארבעטער, נאר הקב"ה גיט דעם מענטש זיין ברכה ער זאל האבין פרנסה, אדער ער זאל רייך ווערין, וויא הקב"ה וויל, אבער וואו דער מענטש קען זיך ניט העלפין אונ ער קען ניט גיהאלפין ווערין מיט דער נאטור, אויב דער מענטש איז ווערט העלפט איהם גאט איבער דיא נאטור, דאס הייסט ער טוהט איהם אנס, אונ אזוי געפינען מיר ביי נח, אפילו הקב"ה האט גיקענט רעטטין נח פון מבול אן אתבה, ווי רש"י ברענגט הרבה רוח והצלה לפני הקב"ה פאר הקב"ה

איז

בשורה טובה

# חק לישראל אין בעזונדערע פרשיות

## מיר האָבען געדרוקט דעם באַרימטען

# חק לישראל

מיט אלע מפרשים אויף עברי טייטש, תנ"ך, משניות, גמרא, מוסר, הלכה, אלעם איבערזעצט אויף א לייכטע אידישע שפראך, מיט שיינע ליכטיגע און קלאָרען דרוק

צום באַקומען אַ יעדער פרשה אין אַ באַזונדערן באַנד, מיט ווייכע דעקלעך, שטאַרק געבונדען, צו ערמעגליכען מיט זיך צו פירען אויפן וועג צו דער אַרבעט אאַ"וו, כדי צו קענען מקיים זיין בשבתך בביתך ובלכתך בדרך

**צו באַקומען פאַר אַ שטוינענד ביליגען פרייז 75 סענט אַ ספר**

אויך וועט זיין צו באַקומען איה"ש

**אויף גאַנץ תורה אין צען פראַכטפולע דע לוקס בענדער**

פאַר א ביליגען פרייז ביי

**EMUNAH PUBLISHING COMPANY**

**171 TAYLOR ST., BROOKLYN, N. Y. 11211** **Tel. 388 - 8812**

## מכתב המלצה מהגה"צ אב"ד משארמאש שליט"א

מלפנים זאת בישראל בדורות הקודמים ובימי אבותינו זי"ע, אשר כל או"א בין ת"ח בין איש המוני השתדלו להשלים חוקם בכל יום ויום בס׳ חק לישראל חק ולא יעבור, וכן נהגו הצדיקים הקדושים מדור דור כידוע, ומקור חוצבו ממקום קדוש עליון, יסדו ותקנו איש האלקי קודש הקדשים מרן רבינו האריז"ל, ללמוד בכל יום ויום בסדר הזה תורה נביאים וכתובים, משנה, תלמוד, זוה"ק, כמבואר בשער המצות פ׳ ואתחנן (דף מ"ו) עיי"ש. ואחריו קם הגה"ק איש האלקים מרן החיד"א זללה"ה, והוסיף מילואים לסדר הנ"ל, ללמוד בכל יום עניני מוסר ודינים מלוקטים מארבעה חלקי השו"ע והרמב"ם ז"ל כדי לצאת גם ידי חובת לימוד הלכה, ע"ד אמרם ז"ל כל השונה הלכות בכל יום כו׳, ועיין בשו"ע (סי׳ רל"ח) דאם לא השלים חק הקבוע לו ביום, ישלימנו בלילה מיד. ועיין בפתחי תשובה (יו"ד סי׳ רמ"ו) בשם משנת חכמים דדעתו נוטה דאם לא השלים בלילה מחוייב להשלים אף ליומא אוחרא, וצריך ללמוד דבר זה קודם שאר לימודו עיי"ש.

בעוה"ר בסיבת החורבן והגלות שאירע לעם ישראל בימינו אלה הרבה ממנהגי ישראל הטובים והישרים נדלדלו ונטשטשו, ולמיעוט מציאותם כמעט שנשכחו מלב ההמון, וככה אירע גם בלימוד החק לישראל, שהי׳ חק קבוע לכל בר ישראל מגדול ועד קטן להשלים חקו מידי יום ביומו כל ימי חייהם עד עולם, ועכשיו בעוה"ר נתמעטו לומדי׳ ועוסקי׳ וכמעט לא נמצאו, מי יתן איפוא להחזיר עטרה ליושנה שיקבעו כאו"א שיעור קבוע ללמוד בכל יום ויום כפי הסדר שיסדה רבינו האריז"ל עפ"י הסוד, וגם לקבוע שיעורין ברבים כמנהג אבותינו הק׳ בדור הקדום.

ע"כ באו ונחזיק טיבותא לגברא דמרא סייעא הרה"ח מוה"ר שלו׳ יודא גראָסס נ"י, אשר טוב עשה בעמיו והדפיס ספר חק לישראל בדפוס נאה ומשובח, באותיות מאירות עינים, גם חילק כל פרשה בכרך לבדנה, למען להקל ללומדי׳ להוליכם בחיקם בשבתך בביתך ובלכתך בדרך באלה מסעי, והיתה עמו וקרא בו כל ימי חייו, ולא ימוש ספר התורה הזה מפיך, ועי"ז יהי׳ באפשרות גם להטרודים על המחי׳ ועל הכלכלה להשלים חקם בס׳ החק לישראל מידי יום ביומו. ואקו׳ בעזר השם שיתרבה גבולנו בתלמידים ויתרחב גבול הקדושה להגדיל תורה ולהאדירה. ומתאמרא משמי׳ דההקה"צ משינאווע זללה"ה, אשר לימוד החק לישראל מסוגל לפרנסה בנקל ובהרחבה, ונרמז באמרם ז"ל (ביצה ט"ז ע"א) דהאי חק לישנא דמזונא הוא, עבדה"ק ודפת"ח. ובזכות התוה"ק יוסיף הקב"ה ויגאלנו גאולת עולם במהרה דידן אכיה"ר.

הכ"ד הכותב לכבוד התוה"ק ולומדי׳

**נפתלי הירצקא העניג**

אבדק"ק שארמאש יצ"ו, ברוקלין, נ. י.